**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 5 געווינער פון LUMINATE NY נייע ביזנעס שטיצע פארמעסט**

***Lidrotec באקומט 1 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג; נאך פיר פירמעס פארזיכערן נאכפאלגנדע אינוועסטירונגען***

***אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר רונדע 6 פון די אפטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג פארמעסט ביז יאנואר 9, 2023***

***אינוועסטירונג באגלייט די "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

***בילד פון Luminate NY געווונער פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט Lidrotec אלץ געווונער פון רונדע 5 פון די Luminate NY (באלייכט ניו יארק) אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג נייע ביזנעס שטיצע פארמעסט. Lidrotec וואס איז באזירט אין באָקום, דייטשלאנד האט באקומען די "פירמע פון די יאר" (Company of the Year) אויסצייכענונג ביי די Luminate פיינעלס אין 2022 וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן לעבעדיג דורכאויס די Optica's Frontiers in Optics + Laser Science ווינסשאפט קאנפערענץ אין ראטשעסטער. די פירמע וועט באקומען 1 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג פון ניו יארק סטעיט דורך די [פינגער לעיקס פאראויס אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו (Finger Lakes Forward Upstate Revitalization Initiative)]. ווי פארלאנגט דורך די אויסצייכענונג, וועלן אלע געווינערס פון דער פארמעסט זיך אונטערנעמען וואוקצושטעלן אפעראציעס אין די ראיאן פאר צום ווייניגסטנס די קומענדיגע 18 חודשים. דורך Luminate NY איז Lidrotec באקאנט געמאכט געווארן מיט AIM Photonics. די צוזאמענארבעט העלפט ארויס Lidrotec צו אויפבויען די אינפראסטרוקטור צו קענען דעוועלאפּען די קומענדיגע שטויס פון זייער טעכנאלאגיע און צו אויספירן אירע פלענער צו וואוקשטעלן אפעראציעס אין די פאראייניגטע שטאטן. ׳לומינעיט NY׳, וועלכס ווערט אנגעפירט דורך ׳נעקסט-קארפס׳, איז דער וועלט׳ס גרעסטער ביזנעס עקסעלערעיטאר פאר אויפקומענדע קאמפאניס וואס האבן אפטיקס, פאטאניקס, און אימעדזשינג (OPI) ערמעגליכטע טעכנאלאגיעס. די פיינעלס געשעעניש צייכענען אפ די פארענדיגונג פון די פינפטע יאר פון דעם פראגראם וואס ווערט דורכגעפירט אין גרופעס. פריער דעם יאר האט גאווערנער האקול אריינגעלייגט פינאנצירונג פאר Luminate NY אין די נייע סטעיט בודזשעט פאר נאך פיר יאר אין א ציה.

"ניו יארק געפונט זיך אויף די פארנט פון טעכנאלאגישע פארשונג, אזוי ווי מיר פארזעצן צו באגרוסן געוואלדיגע טאלאנטן און געלעגנהייטן דא, דורך אונזער Luminate NY פארמעסט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר לייגן צו נאך א קאפיטל צו די פינגער לעיקס ראיאן'ס אומפארגלייכליכע היסטאריע

אין אימעדזשינג און אפּטיקס דורכן ברענגען די פירמעס מיט די גרעסטע פּאטענציאל אהער כדי צו פארשנעלערן דאס אריינברענגען נייע טעכנאלאגיע אינעם מארקעט. די היינטיגע געווינער וועלן קענען אויסנוצן די לאנד'ס מערסט שטאנדהאפטיגע, סאפיסטיקירטע און אריינגעבויטע אפּטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג סופּליי טשעין וואס עקזיסטירט דא כדי צו פארברייטערן זייערע ביזנעסער, פירנדיג צו זייער אייגענע וואוקס, ווי אויך די וואוקס פון ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע."

Lidrotec'ס 'וועיפער-דייסינג' לעיזער טעכנאלאגיע פאר די סעמי-קאָנדאקטער אינדוסטריע וואס ווארט יעצט אויף א פּעטענט ערמעגליכט צו שניידן מאטעריאלן גאר דין מיט כמעט 0% שאדן, איינשפּארנדיג אסאך קאסטן און פארמערנדיג פּראדוקטיוויקייט. איר ערפינדונג איז דאס נוצן אויף א ווירקזאמען אופן פליסיגקייטן אין די 'לעיזער פּראַסעסינג זאון' וואס קילט אפּ און וואשט אפּ די וועיפערס בשעת די לעיזער שניידט ארויס די טשיפּס. די בענעפיטן וועלכע קומען ארויס דערפון רעכענען אריין די מעגליכקייט צו מאכן דינערע שניטן מיט מער פונקטליכקייט, אן קיין שאדן צו די מאטעריאל, רייניגן אויבערפלאכן אן איבערלאזן שטויב און שנעלערע פּראסעסינג — דאס אלעס אן דארפן מאכן סיי וועלכע ענדערונגען צו דעם פּראדוקציע פּראצעדור.

**Lidrotec'ס CEO, אלעקסאנדער איגעלמאן, האט געזאגט,** "Luminate האט אונז געגעבן א נייע נעטווארק אין די פּאראייניגטע שטאטן צוזאמען מיט פארבינדונגען צו סופּלייערס און קליענטן. די קריטישע קשרים וועלן אונז העלפן נאכקומען אונזערע דעוועלאפּמענט ציהלן דורכאויס די קומענדיגע צוויי יאר, אריינרעכנענדיג צו אריינברענגען אונזערע נייע לעיזער טעכנאלאגיע ערפינדונגען אין די מארקעט."

Custom Surgical – באזירט אין מינכן, דייטשלאנד – האט באקומען די 'אויסגעצייכנטע גראדואירטע' (Outstanding Graduate) אויסצייכענונג און $500,000 אין א נאכפאלגנדע אינוועסטירונג. זיי האבן אויך באקומען די $10,000 'אויסוואהל פון די פארזאמלטע' (Audience Choice) אויסצייכענונג. די פירמע מאדערניזירט כירורגישע אפּעראציעס דורכן צושטעלן א ווירקזאמע וועג צו רעקארדירן, אוועקלייגן און מיטטיילן מעדיצינישע בילדער און זיי אויסנוצן צו דיאגנאזירן און באהאנדלען פּאציענטן. Alertgy פון מעלבאורן, פלארידע האט באקומען די 'אנגעזעהענע גראדואריטע' (Distinguished Graduate) אויסצייכענונג און $250,000 פאר אירע טעכנאלאגיע וואס גיבט פאר מענטשן מיט צוקער קראנקייט און די וועלט'ס 2 ביליאן מענטשן וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו באקומען צוקער קראנקייט אין די צוקונפט א וועג צו נאכפאלגן זייער בלוט צוקער שנעלערהייט און גרינגערהייט.

צוויי פירמעס זענען אנגעקומען אויף די זעלבע פּלאץ אין די פארמעסט פאר 'עהרבארע ערגרייכונג' (Honorable Achievement), מיט MEETOPTICS פון בארצעלאנע, שפּאניע און SCOUT פון אלעקסאנדריע, ווירדזשיניע ביידע באקומענדיג $125,000. MEETOPTICS בויט א פּלאטפארמע וואס ווערט געטריבן דורך ארטיפישעל אינטעלידזשענס (Artificial Intelligence, AI) צו העלפן אינדזשענירס און פארשער אין די אפּטיקס און פאטאניקס אינדוסטריע צו קענען אנקומען צו – און פארגלייכן – פּראדוקטן און טעכנאלאגיעס פון פּארטרויליכע פאבריצירער אויף די אינטערנעט. SCOUT שטעלט צו אלטערנאטיווע אפּציעס צו די אוועקגעשטעלטע שיטה פון סענסארס אויף די ערד מיט אימעדזשינג סיסטעמען און אויטאנאמישע סאפּטוועיר וואס דרייען זיך ארום די ערד אין די חלל צו קענען אויטאמאטיש אויפכאפּן, נאכפאלגן און גיבן א שילדערונג פון אביעקטן אין חלל און 'שטויב' וואס דרייט זיך ארום די ערד.

אינוועסטירונגען זענען היינט פארגעשטעלט געווארן נאך דעם וואס א פּאנעל פון עקספּערטן פון די אפּטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג (optics, photonics, and imaging, OPI) אינדוסטריע און 'ווענטשור קאפּיטאליסט' אינוועסטירונג גרופּעס האבן געגעבן צייכענעס פאר די אנטיילנעמנדע פירמעס

באזירט אויף זייערע ביזנעס פארשטעלונגען און איבערבליקן וועלכע זענען געמאכט געווארן דורכאויס די זעקס חודשים פון די נייע-ביזנעס שטיצע פראגראם.

זינט עס איז געעפנט געווארן האט Luminate NY אינוועסטירט 15 מיליאן דאלאר אין 54 נייע ביזנעסער. די פירמעס אין די פארטפאָוליאָו האבן יעצט צוזאמען א סך הכל ווערט פון איבער 400 מיליאן דאלאר. אין צוגאב צו געבן אן אפגעשאצטע 1.5 ביז 2 מאל ריווח אויף די אינוועסטירונג, פילע פון די קאמפאניס שטעלן אוועק יו-עס אפעראציעס אדער א געוויסע הינזיכט פון פארשונג און פאבריצירונג אין דער ראטשעסטער ראיאן, וועלכס האט רעזולטירט אין 150 דזשאבס (100 פול-צייטיג און 20 קאנטראקט פאסטנס), מיט נאך 120 פאראויסגעזעהן אינ׳ם נאענטן צוקונפט פון צווי קאמפאניס. די געוואונער פון פארגאנגענע יאר, PreAct Technologies, האט זיך אונטערגענומען צו אוועקשטעלן איר פראבע אין היי-טעק פאבריצירונג אין ראטשעסטער און איז ערווארטעט צו שאפן 60 נייע דזשאבס.

**Luminate NY מענעדזשינג דירעקטארין, דר. סוּדזשאַטא ראַמאַנוּדזשאן, האט געזאגט,** "די שטיצע פאר נייע ביזנעסער שטעלט צו די קריטישע שטיצע וואס פירמעס דארפן אין זייערע פריע שטאפלען כדי צו אריינברענגען זייערע טעכנאלאגיעס אין די מארקעט און פארברייטערן זייערע ביזנעסער סיי אין די פאראייניגטע שטאטן און סיי אין גלאבאלע מארקעטס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן פארזעצן דעם פראגראם."

די Luminate NY שטיצע פראגראם פאר נייע ביזנעסערע איז באזירט אין ראטשעסטער און וועהלט אויס יעדעס יאר צען פירמעס מיט א שטארקע פאטענציאל זיך צו באטייליגן אין איר זעקס-חודשים'דיגער פראגראם. דורכאויס די צייט ווערן קאמפאניס צוגעשטעלט אויספירליכע טרענירונג און מיטלען צו פאראויס-ציען זייערע טעכנאלאגיעס און ביזנעסער. אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פאר רונדע 6 ביז יאנואר 9, 2023. מאנשפאטן וועלכע קענען זיך פיזיש אריבערציהען צו ראטשעסטער וועלן באקומען $100,000 אין פינאנצירונג ווען דער פראגראם עפנט זיך אין אפריל 2023. מאנשאפטן וועלכע קענען נישט אריבערקומען קיין ראטשעסטער צוליב רייזע און וויזע באגרעניצונגען וועלן באקומען $50,000 אין פינאנצירונג ווען דער פראגראם עפנט זיך און נאך $50,000 וואס מוז גענוצט ווערן צו נוצן רעסאָרסן פון די פינגער לעיקס ראיאן דורכאויס זייער צייט אין דעם פראגראם.

די פינגער לעיקס איז די היים צו א געוואלדיג-רייכע וועלט פון ווייט-טראכטנדע ביזנעסלייט וועלכע זוכן צו מאכן זייערע ביזנעסער וואקסן. ראטשעסטער אפפערט די ארייגעבויטע פאטאניקס טעסט פון די American Institute for Manufacturing, צוזאמשטעלונג און איינפאקונג איינריכטונג אין Eastman Business Park, ראטשעסטער אוניווערסיטעט'ס Institute of Optics, די Rochester Institute of Technology און מער פון 150 לאקאלע OPI פירמעס וועלכע באשעפטיגן איבער 17,000 ארבייטער.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די Luminate NY פארמעסט'ס קאנצעטרירונג אויפן פארשנעלערן ערפינדונגען און אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס וועלט'ס-באקאנטע אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג אינדוסטריעס האט ווייטער פארשטערקערט די פינגער לעיקס אלץ א צענטער פאר OPI. איך וויל אויסדרוקן מיינע וואונטשן פאר אלע באטייליגער וועלכע זענען אנגעקומען צו די פיינעלס, און באזונדערס רונדע 5 געוואונער, Lidrotec, וועמען'ס טעכנאלאגיע ערגענצט ניו יארק'ס שטארקייטן אין סעמי-קאָנדאָקטער פאבריצירונג. מיר קוקן ארויס צו זעהן די וואוקס און איינפלוס וואס די ווייט-טראכטנדע פירמעס וועלן ברענגען צו די ראיאן."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוּני האט געזאגט,** "Luminate NY זעצט פאר צו ברענגען דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט צו אונזער גרעיטער ראטשעסטער ראיאן דורך זייער נייע ביזנעס שטיצע פארמעסט, און די געווינער פון די רונדע זענען נישט קיין אויסוואהל. איך בין דאנקבאר פאר די פארשריט אין טעכנאלאגיע, געזונטהייט, וואוילזיין און וויסנשאפטליכע אנטדעקונג וואס די פירמעס וועלן מאכן אין

אונזער געגנט. א דאנק פאר גאווערנער האקול, 'פינגער לעיקס פאראויס' און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער שטיצע פון די אינציאטיוון."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "די Luminate NY פראגראם פאר שטיצע פון נייע ביזנעסער ציהט צו די מערסטע שעפערישע און דינאמישע נייע ליכט טעכנאלאגיע ביזנעסער פון ארום די גאנצע וועלט. די געווינער פון די פארמעסט וועלן פאראויס שטופן אונזער אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג אינדוסטריעס אריבער NYS. מיינע וואונטשן צו די Lidrotec מאנשאפט! מיר זענען באגייסטערט אייך צו זעהן מאכן אייער פירמע וואקסן דא אין די פינגער לעיקס ראיאן. Lidrotec's שעפערישקייט און טאלאנט פאר ערפינדונגען וועלן פארזעצן צו ברענגען דזשאב געלעגנהייטן און אינוועסטירונג צו אונזער געגנט. מיר מוזן באגרוסן זייער חזון און הצלחות מיט גלייכע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וועלכע טוהען נישט נאר שטיצן אונזערע אויפשטייגנדע און פארברייטערנדע אינדוסטריעס נאר פלאסטערן אויך אויס וועגן פאר קאריערעס פאר אלע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו, עדעם בעלאָו, האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן גייען ארויס צו Lidrotec און צו אלע געווינער פון דעם Luminate NY פראגראם וואס זעצט פאר צו אינספירירן נייע ביזנעסלייט און צו אונטערהייבן די ביזנעסער פון מארגן אריבער די גרעיטער ראטשעסטער ראיאן. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול און Luminate NY פארן פארזעצן צו שטיצן עקאנאמישע וואקוס אין אונזער קאמיוניטי, צושטעלנדיג דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט פאר אונזערע שכנים און פארשטערקערנדיג אונזער עקאנאמיע."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק עוואנס האט געזאגט,** "דער Luminate NY פראגראם צו שטיצן נייע ביזנעסער גיבט א געוואלדיגע עקאנאמישע שטופ פאר אונזער שטאט און עס פארברייטערט ראטשעסטער'ס שוין-יעצט-פארצווייגטע נעטווארק פון פארגעשריטענע טעכנאלאגישע ערפינדונג פירמעס אין אפטיקס, פאטאניקס און אימעדזשינג וואס איז שוין יעצט. מיר זענען גאר באגייסטערט צו אפהאלטן די Luminate פיינעלס ביי אונז, און מיר ענטפאנגען ווארעם Lidrotec צו די ראיאן. מיינע וואונטשן גייען ארויס פאר אלע געווינער און מיינע דאנקען פאר גאווערנער האקול און די 'פינגער לעיקס פאראויס' אינציאטיוו פארן מאכן די וויכטיגע אינוועסטירונגען וואס בענעפיטירן אונזערע בירגער."

פאר נאך אינפארמאציע איבער Luminate NY, באזוכט: [https://luminate.org/](https://luminate.org/).

פאר מער אינפארמאציע איבער 'נעקסט-קארפס', באזוכט: [https://nextcorps.org/](https://nextcorps.org/).

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**
דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוהט דער ראיאן פארשנעלערן דער ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך די אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג אינציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט אינצענטיוויזירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע קען מען זעהן [דא](#).

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער

עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומעןביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418